Rabbi Yoel Roth
123 South 8th St
Brooklyn NY 11211

יואל רוטה
ר"מ תפארת התורה ברסלב
ברוקלין נ.י. יע"א

בעזרת ה' יתברך

יום ג' פרשת ראה, כ"א מנחם-אב, שנת תשפ"ו לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

איך זע אז מענטשן זענען צעמישט וואס איז התקרבות לצדיק, ווי אזוי איז מען נאנט צום צדיק, ווער איז נאנט און ווער איז נענטער, און וואס דארף מען פרעגן און וואס דארף מען דערציילן.

וויסן זאלסטו, התקרבות לצדיק איז לערנען דעם הייליגן רבינ'ס ספרים (אין דעם איז נכלל הערן שיעורים וואס מען רעדט דעם רבינ'ס עצות), און טון די עצות פון הייליגן רבי'ן; די ערשטע עצה איז - זיך אויסרעדן דאס הארץ יעדן טאג צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך אזוי ווי מען רעדט זיך אויס דאס הארץ צו א גוטער פריינד, און ווי א קינד רעדט צו זיין טאטע, דערציילן פארן אייבערשטן ווי שטארק מען וויל זיין ערליך, ווי שטארק מען וויל זיין אפגעהיטן, און ווי שווער עס גייט, ווי מען האלט אין איין פאלן; דאס איז התקרבות לצדיק.

אנשטאט רעדן פון דעם און יענעם, אנשטאט זיין פארנומען מיט נארישקייטן - הייב אן טון למעשה די עצות פון רבי'ן, וועסטו זוכה זיין צו ווערן איינגעגעסן אינעם צדיק און נכלל ווערן אינעם אייבערשטן.

איך בעט דיר מאך מיר נישט די קאמפיין אבי יוצא צו זיין, מאך עס מיט דיין הארץ, נעם אראפ פון מיר די שווערע חובות; איך קען עס נישט מער נעמען, עס שוואכט מיך אפ פיזיש, עס נעמט כוחות פון מיר, לייג אריין דאפלטע כוחות פון פאראיאר.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א כתיבה וחתימה טובה.

יואל רוטה